# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | ראש השנה | **שנת תשע"ב לפ"ק**


## מילי דחסידא

**נוהגים לילך לנהר לאמירת תשליך:**

אין **ייטב פנים** (מאמר אבני זכרון אות מ"א) שטייט א טעם אויף דעם וואס מ'פירט זיך צו גיין צום טייך זאגן תשליך, מיט דעם וואס דער **ישמח משה** טייטשט דעם פסוק (תהלים קל"ז) **על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו**, איז ער מדייק וואס איז דער לשון גם בכינו, ווער נאך האט געוויינט מיט די אידן?

ברענגט דער **ישמח משה** דעם מדרש אז ווען דער רבש"ע האט אפגעטיילט די אויבערשטע וואסערן פון די אונטערשטע וואסערן האבן די אונטערשטע וואסערן געוויינט אויף דעם וואס זיי זענען דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן, און זיי האבן געשריגן **אנן בעינן למהוי קדם מלכא**, מיר ווילן זיין נאנט צום אייבערשטן, האט זיי השי"ת געטרייסט מיט דעם וואס מ'וועט נעמען פון זייערע וואסערן פאר ניסוך המים יעדן סוכות, און אויך וועט מען נעמען פון זייער זאלץ פאר די קרבנות. ווען דער ביהמ"ק און מ'האט אויפגעהערט מיט די עבודה פון ניסוך המים און קרבנות, האבן די וואסערן ווייטער געוויינט, ווייל זיי זענען צוריק דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן. דאס איז דער **גם בכינו**, ווייל די אידן האבן געוויינט צוזאמען מיט די וואסערן וואס זענען אויך דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן.

מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק (איכה ב' י"ט) **שפכי כמים לבך נכח פני ה'**, אזוי ווי די וואסערן וויינען ווייל זיי ווילן זיין נאנט צום אייבערשטן דארפן אידן אויך וויינען צוליב די סיבה אז זיי זאלן זוכה זיין צוריק נאנט צו ווערן צום אייבערשטן.

זאגט דער **ייטב לב** אז דאס וואס מיר זעהן ווי די וואלן פון די וואסערן הייבן זיך שטענדיג אויף ארויף, איז צוליב די סיבה, ווייל זיי ווילן צוריק ארויפגיין צום הימל, און זיי ווילן זיין נאנט צום אייבערשטן, און דאס איז א זאך פון וואס א מענטש דארף זיך אראפלערנען א מוסר השכל ווי אזוי דורך זיינע עבירות איז ער ח"ו דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן איז יעצט די צייט אז ער זאל תשובה טון, ער זאל וויינען און פארגיסן טייכן טרערן, אזוי ווי די וואסערן וואס זענען דערווייטערט געווארן פונעם אייבערשטן וויינען און קלאגן **אנן בעינן**

## מעשה רב

### נאך היי יאר!

**עס ווערט דערציילט אז א איד האט געפרעגט הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע אז ווען מען זאגט "ברך עלינו את השנה הזא"ת" ערב ראש השנה ביי מנחה, וואס דארף מען אינזינען האבן, דעם פארגאנגענעם יאר אדער דעם נייעם יאר?**

**האט דער בעלזער רב גענפערט אז מען דארף אינזינען האבן דעם פארגאנגענעם יאר, ווייל דאס ציגט אז מיר גלייבן אז ישועת השם כהרף עין, און נאך ביי מנחה ערב ראש השנה קענען מיר נאך געהאלפן ווערן מיט די אמת'ע ישועה.**

*

### גיין צו תשליך!

**אין יאר תשל"ד, דער ערשטער יאר ווען מ'האט זיך באזעצט אין קרית יואל, איז דער רבי בעל דברי יואל זי"ע געווען אויף ר"ה אין וויליאמסבורג, דער גאנצער עולם האט זיך דאן גערישט ארייצופארן צום רבי'ן אויף יו"ט, אבער דער רבי האט פארלאנגט אז עס זאל בלייבן א מנין אין קרית יואל.**

**איידער דער רבי איז אריינגעפארן איז אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה דער שליח ציבור וואס האט גדאווענט מוספין אין קרית יואל, נעמען א ברכה פונעם רבי'ן אז ער זאל מצליח זיין מיט זיין דאווענען פארן עמוד. האט ער דאן געפרעגט דעם רבי'ן ווען מען זאל גיין צו תשליך?**

**דער רבי האט זיך ארויסגעדרייט פון צו געבן א קלארע תשובה, ווייל אין שו"ע שטייט דאך באמת אז מען זאל גיין אין ראש השנה, אבער אבותינו הקדושים האבן זיך אלע געפירט אז מען גייט אין י"ג מידות, און דער רבי האט נישט געוואלט הייסן טון אנדערש ווי זיינע עלטערן האבן זיך געפירט.**

**אבער ווען דער משב"ק ר' עזריאל האט געפרעגט דעם רבי'ן אז "דער עולם איז דאך שוין פארטיג 2 אזייגער, ס'איז נישטא וואס צו טון אזא לאנגן נאכמיטאג" האט דער רבי געזאגט "נו ס'שטייט דאך אין שו"ע אז מ'זאל גיין ראש השנה צו תשליך"** (מס' קרית מלך רב)

## ענינים וטעמים

על מנהגי ראש השנה וימים נוראים
מלוקט מפי ספרים וסופרים

**ראש השנה עסט מען "סימנים":**

די גמרא זאגט (כריתות ו' ע"א) אז ווען מען מאכט סימנים צייגט דאס אז עס וועט באמת אזוי פאסירן, דעריבער זאל מען מאכן אנהויב יאר סימנים, וואס ווייזט אז מען וועט געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, דעריבער זאלן מען עסן קרא, רוביא, כרתי, סילקא, תמרי.

**מען עסט עפל איינגעטונקען אין האניג:**

א) ווייל די שכינה הק' ווערט אנגערופן **תפוח**, ווי דער פסוק זאגט **כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים**, אזוי ווי דאס שיינקייט פון דעם עפל בוים ווען ער איז געווען צווישן וואלד ביימער אזוי איז השי"ת צווישן די אלע עבודה זרות, און אידישע קינדער זענען דאך אלע באהאפטן אין השי"ת ווי דער פסוק זאגט **ואתם הדבקים בה' אלקיכם**, און וויבאלד האניג קלעפט בדרך הטבע, טונקען מיר איין דעם עפל אין האניג מרמז צו זיין אז מיר זענען באהאפטן צו השי"ת (ליקוטי תורה מהמגיד מטשערנאבל זי"ע).

ב) דער **אמרי נועם** זאגט אז אין בית המקדש פלעגט דער מזבח זיין אויפגעהויפענט מיט אש אינעם פארעם פון אן עפל, אין יוצר ווערט דאס אנגערופן **שה עקידה**, וואס דאס איז בגימטריא תפוח, דעריבער עסט מען א **תפוח** ר"ה ביינאכט, כדי צו דערמאנען דעם זכות פון די עקידה.

ג) דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** זאגט א טעם ווייל די גמרא זאגט אז אידישע קינדער זענען גלייך צו עפל וואס איז אנדערש ווי אנדערע פירות, וואס די פרי וואקסט פארן בלעטל, אזוי אויך אידן האבן געזאגט **נעשה** פאר **נשמע**, מילא ווילן מיר דערמיט מעורר רחמים זיין ביי השי"ת אז דער אייבערשטער זאל אונז אויך געבן מדה כנגד מדה נאך איידער מיר בעטן פון אים (דברי יואל ר"ה אות כ"ח).

**למהוי קדם מלכא**, און זיי הייבן זיך ארויף צום אייבערשטן איז דאך א קל וחומר א מענטש וואס ער האט אין זיך א נשמת רוח חיים דארף אוודאי וועלן צוריק לויפן צום אייבערשטן און שרייען **אנן בעינן למהוי קדם מלכא**, און ער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן דורך תשובה.

דאס איז דער טעם פארוואס מ'גייט צום טייך צו תשליך, ווייל פונעם טייך לערנט מען זיך אפ ווי אזוי א איד דארף וועלן תשובה טון און צוריק נאנט ווערן צום אייבערשטן.

## דרש דרש

דער **כפות תמרים** פרעגט א קשיא פון דעם וואס שטייט אין פרקי דרבי אליעזר אז פון דעם איל וואס אברהם אבינו האט מקריב געווען אויף די עקידה איז גארנישט געגאנגען לבטלה. פונעם לינקן הארן האט מען געמאכט דעם שופר מיט וואס מ'האט געבלאזן מתן תורה, און פונעם רעכטן הארן וועט מען מאכן דעם שופר מיט וואס מ'וועט בלאזן ביי ביאת המשיח. לכאורה איז שווער ווייל די הלכה איז דאך **בשופר של עולה לא יתקע**, ווי אזוי קען מען בלאזן מיט דעם שופר, דער איל איז דאך געווען א קרבן עולה?

ענטפערט **כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע** מיט די ווערטער פונעם **חתם סופר זי"ע** וואס איז מסביר ווי אזוי אידן זענען מנצח דעם יצה"ר אין די הייליגע טעג, ווייל דער ס"מ וויל באמת אויסרייסן גאנץ כלל ישראל ר"ל, אבער דאס קען ער נישט און ער וועט קיינמאל נישט מנצח זיין כלל ישראל, די איינציגסטע זאך וואס ער קען איז מאכן יסורים און וויטאגן, אזוי ווי ער האט געמאכט פאר יעקב אבינו א בחינה פון 'צולע על ירכו', אבער סוכ"ס איז כלל ישראל מנצח דעם יצה"ר, און דאס איז די שמחה וואס אידישע קינדער פרייען זיך סוכות אויף דעם וואס מ'האט מנצח געווען דעם יצה"ר.

אין די חידו"ת פונעם פעטער **כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** (פ' עקב) ברענגט ער בשם **הרה"ק הרבי ר' מענדעלע מרימנוב זי"ע** א טעם אויף דעם וואס מ'זאגט שבת שחל בו ערב פסח, די הפטורה פון 'וערבה' וואס רעדט פון אלי' הנביא הנביא וואס וועט קומען אנזאגן די גאולה שלימה, ווייל געווענליך ערב יו"ט דארף מען דאך נישט חושש זיין דעמאלטס אז אלי' הנביא וועט קומען ווייל די גמרא זאגט דאך **כבר מובטח להם לישראל שאין אליהו בא לא בערב שבת ולא בערב יום טוב מפני הטורח**, אבער ווען עס איז חל ערב יו"ט אום שבת איז דאך נישט שייך קיין טירחא ווייל אלעם איז שוין גרייט פון פאר יו"ט קען שוין אלי' הנביא קומען.

פרעגן אבער אלע אויף **רבי מענדעלע** ווייל די גמרא זאגט דאך אז שבת ויו"ט קומט אליהו הנביא אויך נישט, צי וועגן טורח סעודת שבת אדער וועגן איסור תחומין, ענטפערט דער **רבי זי"ע** אז עס איז נישט קיין קשיא ווייל כל זמן אידישע קינדער זענען אין גלות זענען זיי אין א גרויסע סכנה בגוף ובנפש, און ווען אליהו הנביא וועט קומען וועט ער משפיע זיין א אור אויף די גוים און די סכנה אויף די אידן וועט זיך אויפהערן, ממילא איז נישטא קיין גרעסערע פיקוח נפש און הצלת נפשות מער ווי ביאת אליהו הנביא איז שוין בכלל נישט קיין שאלה צי מ'מעג מחלל שבת זיין אויפן אופן פון פיקוח נפש ממש, און אזוי מעג אליהו קומען אפילו אין שבת עכדה"ק.

קומט דאך אויס פון די פריערדיגע ווערטער פונעם **חתם סופר** אז כלל ישראל געפונט זיך אין א שטענדיגע סכנה אין די הענט פונעם ס"מ, אפילו אויב דער ס"מ איז נישט מנצח אבער מיט דעם וואס ער קען מאכן יסורים פאר א חלק פון כלל ישראל, מיינט דאס אז יעדער איד בפרטיות געפונט זיך אין א שטענדיגע סכנה פונעם ס"מ, ממילא איז זיכער אז די גאולה שלימה איז א הצלה פאר כלל ישראל.

**ראש השנה עסט מען נישט קיין ניס:**

א) ווייל נים פארמערט שפייעכטס אין מויל, און שטערט דאס דאווענען, דעריבער אין די טעג ווען מען דאווענט מער ווי א גאנץ יאר, און מען דארף דאווענען מיט מער כונה ווי א גאנץ יאר, זאל מען דאס נישט עסן (רמ"א סי' תקפ"ג ס"ב)

ב) **אגו"ז** איז בגי' **חט"א**, און אין די טעג איז מען שטארק נזהר נישט צו דערמאנען קיין רמז פון קיין שום זינד (חתם סופר)

ג) דער פסוק **וא**ף **ג**ם **ז**את בהיותם בארץ אויביהם, איז ר"ת **אגו"ז**, און כדי נישט צו דערמאנען אין די טעג עפעס וואס דערמאנט דעם גלות עסט מען דאס נישט אין די טעג (חתם סופר)

מיט דעם קען מען פארענטפערט דעם כפות תמרים קשיא ווי אזוי מ'קען בלאזן מיט א שופר של עולה, ווייל די גמרא זאגט אין ישראל נגאלים אלא בקרנו של איל, קומט אויס אז דער קרן של איל איז א עיכוב פאר די גאולה שלימה, איז דאס דאך אן ענין פון פיקוח נפש, איז מער נישט קיין שאלה צי מ'מעג בלאזן מיט א שופר של עולה ווען ס'איז אן ענין פון פיקוח נפש ממש ממילא מעג משיח קומען אפילו אין יו"ט.

אזוי אויך ביי מתן תורה, ווען דער רבש"ע האט געזאגט אם אין ישראל מקבלין את התורה אני מחזיר את העולם לתוהו ובוהו, און חז"ל זאגן שוין די קולות וברקים וקול שופר וחזק איז געווען א הכרח ביים מעמד הר סיני, ממילא האט מען געמעגט בלאזן אפילו מיט א שופר של עולה וועגן פיקוח נפש.

*

**אבינו מלכינו חטאנו לפניך, אבינו מלכינו אין לנו מלך אלא אתה:**

**הגאון רבי יהודה אסאד זי"ע** זאגט פשט מיט דעם וואס די גמרא זאגט מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, אבער א רבי וואס איז מוחל אויף זיין כבוד כבודו מחול, דער טעם זאגט די גמרא אין כתובות (דף ט"ז ע"א) וויבאלד א תלמיד חכם איז זוכה צו זיין גרויסקייט דורך זיין אייגענע יגיעה בתורה, ממילא איז ער אליין בעל הבית אויפן כבוד און ווען ער וויל קען ער מוחל זיין דערויף. משא"כ א קעניג וואס דאס פאלק האט אים דערוועלט, איז ער נישט בעה"ב אויף דעם כבוד ממילא קען ער נישט מוחל זיין דעם כבוד.

לכאורה ווי אזוי קענען מיר מתפלל זיין צום רבש"ע אז ער זאל אונז מוחל זיין אונזערע עבירות, דער אייבערשטער איז דאך דער מלך על כל הארץ און ער קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד? נאר לויטן טעם פון די גמרא שטימט עס זייער גוט, ווייל דאס וואס מיר זאגן מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול איז דוקא אויב מיר האבן אים אויפגענומען אלס מלך, מה שאין כן דא ווען דער אייבערשטער איז אליין געווארן מלך אויף אויף די וועלט איז ער בעה"ב אויפן כבוד, און ער קען מוחל זיין אויפן כבוד ווען ער וויל, ממילא קענען מיר בעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל אונז מוחל זיין אויף אונזערע עבירות.

דאס בעטן מיר ביים דאווענען, **אבינו מלכינו חטאנו לפניך** און זיי אונז מוחל אויף די עבירות, אויב וועסטו טענה'ען אז דער אייבערשטער קען נישט מוחל זיין ווייל מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, וועגן דעם זאגט מען ווייטער אבינו מלכינו אין לנו מלך, אז מיר האבן דיך נישט אויפגענומען אלס מלך, אלא אתה, דו האסט זיך אליינס געמאכט מלך אויף די גאנצע וועלט, ממילא ביסטו בעל הבית אויפן כבוד, און די ביסט בארעכטיגט מוחל צו זיין אויפן כבוד.

# עולת שבת בשבתו
# טעמא דמילתא

## מאה קולות

דער עיקר מצוה פון דעם יו"ט ראש השנה איז מצות **תקיעת שופר**, אזוי ווי דער יו"ט ווערט אנגערופן אין פסוק **"יום תרועה" "זכרון תרועה"**, דעריבער וועלן מיר לערנען דעם סדר פון די תקיעות און די טעמים פארוואס מ'בלאזט אויף דעם סדר.

מדין תורה וואלט מען ווען יוצא געווען די מצוה מיטן הערן איין **תקיעה**, אבער חז"ל דרשי'ענען אז עס שטייט 3 מאל אין די תורה **תרועה**, צוויי מאל ביי ראש השנה און איינמאל ביי יום כיפור פון יובל (אין פרי' בהר) לערנט מען ארויס איינס פון די צווייטע אז יעדעס מאל דארף מען בלאזן דריי תרועה'ס.

אין פסוק שטייט **'והעברת שופר תרועה'** וואס העברה טייטשט אדורכפירן א גראדע קול, לערנט מען ארויס אז פאר יעדע **תרועה** דארף מען בלאזן א **תקיעה** וואס דאס איז א גראדע קול, און פון דעם פסוק וואס שטייט נאכדעם **'תעבירו שופר בכל ארצכם'** לערנט מען ארויס אז נאך די תרועה דארף מען נאכאמאל בלאזן א תקיעה.

ווייסן מיר שוין אז מן התורה איז מען מחויב צו בלאזן ראש השנה 3 מאל **ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה**, וואס דאס איז 9 קולות

וואס מיינט א **תרועה**?

דער תרגום זאגט אז **תרועה** טייטשט יבבא, וואס דאס איז ווי א מענטש וואס קלאגט, חכמינו ז"ל האבן געהאט אין דעם א מחלוקה, טייל האבן געזאגט אז דאס איז ווי א מענטש וואס וויינט שטארק אין ער לאזט ארויס קורצע אפגעהאקטע קולות, און אנדערע האבן געהאלטן אז דאס זענען ווי מענטשן וואס האבן יסורים ר"ל און זיי קרעכצן פון ווייטאג לענגערע קרעכצן. טייל האבן געהאלטן אז יבבא מיינט ביידע אינאיינעם ווייל א קראנקער מענטש קרעכצט קודם לענגערע קרעכצן, און דערנאך צעוויינט ער זיך שטארק קורצע אפגעהאקטע קולות.

כדי יוצא צו זיין אלע ספיקות האט מען מתקן געווען אז מען בלאזט לויט אלע 3 שיטות, קודם בלאזט מען **תקיעה** (אלס והעברת) **שברים-תרועה** (לויט די דעה אז יבבא מיינט ביידע סארט יבבות שטאטע און קורצע) תקיעה (אלס תעבירו שופר).

דערנאך בלאזט מען **ת'קיעה ש'ברים ת'קיעה,** כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז נאר לאנגע קרעכצן, און לויט זיי איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די צווייטע תקיעה איבערגעהאקט מיט א תרועה.

דערנאך בלאזט מען **ת'קיעה ת'רועה ת'קיעה**, כדי יוצא צו זיין די דעה אז יבבא איז א געוויין מיט קורצע אפגעהאקטע קולות און לויט זיי איז דאך געווען א הפסק מיט דעם וואס מען האט פאר די תרועה איבערגעהאקט מיט א שברים.

וויבאלד אין די תורה שטייט דאך 3 מאל **תרועה** ווי פריער דערמאנט, בלאזט מען דאס איבער דריי מאל נאכאנאנד, אזוי קומט אויס אז ביי תקיעת שופר (תקיעות דמיושב) בלאזט מען 30 קולות.

די הייליגע חכמים האבן אבער מתקן געווען אז די תקיעות זאל מען בלאזן ביי מוסף (תקיעות דמעומד) צוטיילט צווישן די פסוקים פון מלכיות זכרונות שופרות, צווישן יעדע איינע איין **"תרועה"** פון די תורה ד.ה. 10 קולות. און דאס וואס מען בלאזט די תקיעות דמיושב נאך פאר מוסף, איז כדי צו פארמישן דעם שטן, אז ער זאל נישט קענען מקטרג זיין.

קומט אויס אז ביי די שטילע שמונה עשרה פון מוסף בלאזט מען סך הכל דרייסיג קולות, אזוי אויך ביי די הויכע שמונה עשרה בלאזט מען נאך דרייסיג קולות, האלט מען שוין ביי 90 קולות.

ביים סוף דאווענען, ביי קדיש, בלאזט מען נאך 10 קולות, כדי צו פארמישן דעם שטן, ער זאל נישט מקטרג זיין אז די אידן גייען אהיים עסן די סעודה און זיי פארכטן זיך נישט פונעם יום הדין. אינאיינעם בלאזט מען 100 קולות.